כענקין איז ניט קיין אַקוואַרעל־מאָלער. ער זוכט ניט קיין האַלבע טענער פֿון שטימונגען. ער צייכנט מיט אַ ברייטער האַנט, מיט אויל־פֿאַרבן. ער נעמט און גיט אָפּ אַלץ, וואָס ער האָט אָפּגע־שפּאַרט. דערין באַשטייט די זאַפֿטיקייט און רייכקייט פֿון זיין שפּילן.

וולאַדימיר יאַקאָוולעוויטש איז סיי אַן אַקטיאָר, סיי אַן אויס־געצייכנטער בירגער. דאָס געפֿיל פֿון סאָוויעטישן פּאַטריאָטיזם דעפֿינירט אַלץ אי אין זיין געזעלשאַפֿטלעכן, אי אין זיין שעפֿערישן לעבן. זיין געלעכטער איז אַ געווער אין אונדזער געמיינזאַמען קאַמף קעגן פֿיליסטעריזם, אין דעם קאַמף פֿאַר מאָראַלישער זויבערקייט און פֿאַרן גייסטיקן געזונט פֿון די סאָוויעטישע מענטשן".

„טעאַטער ענציקלאָפּעדיע" [אין רוסיש], מאָסקווע, פֿינפֿטער באַנד, 1967, זז. 601־602.

אפֿרים קאַגאַנאָווסקי — וויקטאָר כענקין, „ליטבי׳ל", וואַרשע, נ׳ 36, 1926.

הענעך קאָן — וויקטאָר כענקין, דאָרט, נ׳ 23, 1931.

מאָררים מייער — „יידיש טעאַטער אין לאָנדאָן", לאָנדאָן, 1942, ז. 333.

שלוימע מיכאָעלס — „אַרטיקלען, שמועסן, רעדעס", בוענאָס איירעס, 1961, זז. 209־210.

## קאַפּלער־לעמקאָוו [יעקב ?]

זיין ערשטער נאָמען זאָל זיין יעקב. לויט בערנאַרד פֿישמאַן איז ער געבוירן אין בוקאַרעסט, רומעניע. לויט יחיאל לאַנדוי איז ער געבוירן אין ענגלאַנד, נאָר די עלטערן האָבן זיך איבערגעטראָגן מיט אים קיין רומעניע, וווּ ער האָט באַקומען זיין דערציִונג. ער האָט גוט גערעדט **רוסיש**.

אויף דער יידישער בינע האָט ער זיך גערופֿן קאַפּלער, אָבער אויף דער ענגלישער — לויט פֿערדינאַנד שטויב — איוואַן לעמ־קאָוו. לויט ב. פֿישמאַן האָט ער זיך אויף דער ענגלישער בינע גערופֿן דזשעק ריינהאַלץ און פֿלעגט שפּילן אינטריגאַנטן־ראָלן.

ק. האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין, די טאָכטער פֿון אַ טעאַטער־דירעקטאָר, און ווי יאָסל טשיזשיק גיט איבער, פֿלעגט ער ממש בעטלען צווישן די קריסטלעכע אַקטיאָרן. ער איז פֿולשטענדיק בלינד געוואָרן און געשטאָרבן אין מאַנטשעסטער, ענגלאַנד.

מ. ע. פֿון פֿערדינאַנד שטויב, יחיאל לאַנדוי, יאָסל טשיזשיק און בערנאַרד פֿישמאַן.

## קאַפּעלמאַן, יאָסעף

געבוירן 1893 אין וואַרשע, פּוילן. פֿאָטער — אַ סטאָליאַר. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג, שפּעטער, אין דער היים, אַלס אויטאָדידאַקט, אַלגעמיינע בילדונג.

אין עלטער פֿון 12 יאָר זיך באַטייליקט צוזאַמען מיט די ברידער אַדאָלף און הערמאַן פֿעניגשטיין, אין אַ קינדער־קאָלעקטיוו א׳ר פֿון מאַרק מייערסאָן, דעביוטירנדיק אַלס „שדכן" אין „הערצעלע מיוחס". אין 1910 — פּראָפֿעסיאָנעל גענומען שפּילן אין ראַפּעלס טרופּע אין „עליזעום", פֿריער אַלס „דער נאַרישער חתן" אין „דער יחסן", דערנאָך „שמואל גאָלצעס" און „די יידישע נשמה" און די ראָל פֿון פֿאָטער אין „די גאָלדענע חתונה". 1912 — מיטגעפֿאָרן מיט ראַפּעלס טרופּע קיין אָדעס, וווּ ער שפּילט „דעם פֿאַרמער" אין „די אַמעריקאַנערין", דעם „קעניג" אין „פֿאַר 400 יאָר", „אַל־וואַרעז" אין „שבת קודש" און „איצי׳קל" אין „די געצוווּנגענע חתונה". צוליב פּריזיוו אַריבער אין 1914 קיין פּינסק אין שוואַרצבאַרדס טרופּע און אַ קורצע צייט שפּעטער אָרגאַניזירט ק. אַ חברים־טרופּע מיטן אָנטייל פֿון משה זילבערקאַסטן און שרה פֿיביך, וואָס פֿאַרייניקט זיך דערנאָך מיטן קאָלעקטיוו א׳ג פֿון שטאָקמעדער און מיאַדאָווניק, וועלכע מאַכט אַ טורנעע איבער די שטעט פֿון אוראַל און סיביר.

אין דער פֿעברואַר־רעוואָלוציע ווערט ק. פֿאַרבעטן קיין כאַרקאָוו צו ליפּאָווסקין, אָבער אויפֿן וועג באַגעגנט ער די חברים־טרופּע מיט מנחם רובין און מישע אַפּעלבוים אין דער שפּי׳ץ און טרעט דאָרט אַריין. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע ווערט ק. פֿאַרבעטן אין דער טרופּע אונטער דער דירעקציע פֿון סעגאַל־ליכטמאַן קיין פּינסק און שפּילט דאָרט א׳ר פֿון אַברהם טייטלבוים די ראָל „מאַקס" אין „פּראָוואָקאַטאָר" און „אוריאל מזיק" אין „גאָט, מענטש און טייוול". ווערנדיק אַרויסגעטריבן פֿון מינסק, אָרגאַניזירט ק. אַ חברים־טרופּע מיט וועלכער ער פֿאָרט אַרום איבער אוקראַינע.

ווען דעניקינס ווייסע גוואַרדיע פֿאַרכאַפּט יעקאַטערינאָסלאָוו, פֿאָרט ק. מיטן קאָלעקטיוו קיין גרוזיע, ווו זיי שפּילן אין די גרע־סערע צענטערס, אָבער אַ יאָר שפּעטער קערט ער זיך צוריק קיין אוקראַינע.

אין 1923 אָרגאַניזירט דאָרט ק. אַ נייעם קאָלעקטיוו א׳ג פֿון אסתּר־רחל קאַמינסקאַ און שפּילט די הויפּטראָלן אין די פּיעסן: „טוביה דער מילכיקער", „מאָטקע גנב", „די רויבער", „קרייצער סאָנאַטאַ", „סאַפֿאָ", „דער פֿרעמדער".

אין 1929 טרעט ק. אַריין אין ערשטן יידישן באַוועגלעכן מלוכה טעאַטער פֿון אוקראַינע און אין 1932 איז ער איינער פֿון די טיכטיקסטע גרינדער פֿון יידישן מלוכה־טעאַטער אין באַקו. אין 1939 גייט ק. איבער אין אָדעסער יידישן מלוכה־טעאַטער. אין 1941, בעת דער סאָוויעטיש־נאַציִשער מלחמה גייט ק. צייטווייליק איבער צו דער רוסישער בינע, אָבער נאָך דער מלחמה טרעט ער אַריין אין קיעווער יידישן מלוכה־טעאַטער א׳ג פֿון שלום־עליכם.

ש. ע. פֿון יהושע ליובאָמירסקי.

## קאַפּעלמאַן, סאָניע [יאָפֿע]

געבוירן 1903 אין טשערקאַס, קיעווער גוב., אוקראַינע.

פֿאָטער — אַן אַרבעטער. אין 1910 אַריבער מיט דער פֿאַמי־ליע קיין יעקאַטערינאָסלאָוו, וווּ זי האָט באַקומען איר אויסביל־דונג. אין 1916 אַריין אַרבעטן אין אַ קאַרטאָן־פֿאַבריק און גלייכצייטיק באַזוכט אָוונט־קורסן. אין 1918 געוואָרן אַ מיטגליד אין אַן אָרטיקן יידישן דראַמקרייז, וווּ זי ווערט באַלד זייער אַקטיוו. אין 1920 אַריינגעטראָטן אין אַ פּראָפֿעסיאָנעלן יידישן טעאַטער־קאָלעקטיוו מיט וועלכן זי איז געפֿאָרן קיין באַקו, וווּ זי שפּילט צוויי יאָר און פֿאָרט דערנאָך מיט דעם קאָלעקטיוו קיין מאָסקווע, וווּ זי שפּילט ביז 1923.

ביז 1929 איז ק. טעטיק אין אַ יידישן באַוועגלעכן טעאַטער־קאָלעקטיוו אויפֿן נאָמען פֿון אסתּר־רחל קאַמינסקאַ און צום סוף יאָר ווערט זי אַריינגענומען אין ערשטן יידישן באַוועגלעכן מלוכה־טעאַטער פֿון אוקראַינע, וווּ זי שפּילט ביז 1932. אין 1933 שליסט זי זיך אָן אין אָרגאַניזירן אַ יידיש אַרבעטער־טעאַטער אין באַקו, וווּ זי שפּילט 7 יאָר. דאָ ווערט זי די פֿירנדיקע אַקטריסע אין דעם אַנסאַמבל, און פֿאַרקערפּערט די סאַמע פֿאַראַנטוואָרטלעכע ראָלן, צווישן אַנדערע „לאַורענסיע" אין לאָפּע דע וועגאָס „שעפּסנקוואַל", „יהודית" אין „אוריאל אַקאָסטאַ", „אַמאַליע" (שילערס